P.260651 Arch. H/1

ליד · נאָוועלע · עסיי · בילד

## דערשיינט דעם ערשטן פון יעדן חודש


מרים אולינאָווער: פון דער אַלטער היים
מ. י. סמאָלאַזש: די שטוב פון מיין מוטער
י. יאַנאַסאָוויטש: איך האָב ביי דיר געבעטן;
פסאַלם; יונגהאַרבסטיקע לאַנדשאַפט
כ. בלומענטאַל: סטודיען וועגן פערסאָנאַזש פון
טוביה דער מילכיקער
מאָטל קאָזלאָווסקי: ווינטער־פּייסאַזש; אָקטאָבער־
פּלאַקאַטן
ש. שייעוו: דער אינוואַליד
ישראל ראַבאָן: אַ וואָרט אין דעם שטרייט: יידיש,
העברעיש, שלום אַש
א. האָפמאַן: פראָסט
אברהם סאָלאָוויטש: אופאַנישאַדן
משה בראָדערזאָן: בלוט און ליד
ישראל טראַנק: אומהיימלעכקייט און הומאָר
רות ווינציגסטער: פראַנצויזישע ליריק פון היינט:
א) זשאַק קאָקטאָ: שלעכטע חברטע;
ב) וואַלערי אַרמאָ: מוזיק נאָך לעקטור
ז. סעגאַלאָוויטש: אכט שורות
ישראל ראַבאָן: י. מ. ניימאַן.
שבתי ציטער: די פוילישע שריפטשטעלער און די
העצע קעגן יידן
בליישטיפט־נאָטיצן. רעדאַקציאָנעלע מעלדונגען
רעפּראָדוקציעס: שרה גליקסמאַן: שטיללעבן;
פעליציע פּאַצאַנאָווסקי: פלאַמינגאָס; יוסף
קאָוונער: שטיללעבן; אַניעלאַ מענקעס: אַב־
סטראַקטע קאָמפּאָזיציע
צייכנונג אויפן שער־בלאַט: פעליציע פּאַצאַנאָווסקי


העפט אייגס דעצעמבער 1936

## ישראל ראַבאָן

# א וואָרט אין דעם שטרייט: יידיש, העבּרעאיש, שלום אש

שלום אַש איז געוועזן אין ארץ ישראל. ער האָט דאָרט אויף אַ פאָרלע-זונג, צי אויף אַ באַנקעט, לויט די רייד פון דוד פּינסקי, געוואָרפן באַליידיקנ-דיקע ווערטער אויפן חשבון פון דעם יידישן לשון. אבער געגנוי, וואָס ער האט אַזוינס געזאָגט, ווייסט מען נישט. איך שאַץ נישט אונטער די גביית עדות פון אַזאַ פּערזאָן, ווי דוד פּינסקי, אבער די שפּראַכן-פראַגע איז ביי אונז אַזאַ, אַז דאָס, וואָס קאָן הייסן באַליידיקנדיק פאַרן יידישיסט דוד פּינסקי, קאָן אַמאָל נישט הייסן באַליידיקנדיק פאַר דעם יידישיסט פלוני בן פלוני. איך, למשל זע נישט אין קיין שום דערנידריקנדעס אין דעם, וואָס מען זאָגט, אַז יידיש איז די שפּראַך פונם שוסטער - געסל. עס איז נישט דערפאַר, ווייל מיין דע-מאקראַטישע איינשטעלונג שטעלט דאָס שוסטער-געסל אַזוי הויך, נאר פּשוט דערפאַר, ווייל עס איז באמת אַזוי: יידיש רעדט מען נאר אין דעם שוס-טער-געסל. אין די אויבערשטע גאַסן, אָן אונטערשיד, צי עס וווינען דארט ציוניסטן, צי בונדיסטן, קאמוניסטן, צי רעוויזיאָניסטן, רעדט מען ביי אונדז פּויליש. עס זענען אבער דאָ אַזעלכע, און נישט ספּעציעל אָרטאָדאָקסאַלע, יידישיסטן, וואָס זענען גרייט אַרויסצו-רופן אייך אויף אַ דועל, ווען איר זאָגט זיי, אַז יידיש איז דאָס לשון פונם שוסטער-געסל.

דער יידישער פּען-קלוב האט באַ-שלאָסן צו רעאַגירן לויט אַן עקספּראָמפּט-געשאַפענעם ערן-קאָדעקס אויף דער רעפּרימענדאַציע פון דער שפּראַך, אין וועלכער עס שאַפט שלום אַש און עס שאַפן זיינע מיטגלידער; און בעת שלום אַש איז געקומען קיין וואַרשע, איז דעמאַנסטראַטיוו נישט געמאַכט געוואָרן קיין אויפנאַמע לכבוד אים, הגם שלום אַש איז דער ערן-פּאַרזיצענדער פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. די זאַך איז אַרויסגעקומען פאַר דער עפנטלעכ-קייט, עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן דעם עטלעכע אַרטיקלען און עס איז אפילו דערגאַנגען ביי אונדז, ווי דער שטייגער איז, צו אַ ביסל זידלעריי.

אבער וואָס אייגנטלעך אַש האט געזאָגט אין ארץ ישראל וועגן יידיש קענט איר נישט געוואָר ווערן. מען מוז זיך פאַר-לאָזן אויף דוד פּינסקי'ס אויסטייטשנ-דיקע באַצייכענונג פון אַש'ס רייד: ער האט באַליידיקט!

זאָל מען מיך נישט חושד זיין אין קיין העברעאיזם, אבער אַז שלום אַש, ווי אַ דיכטער מיט אַ פילנד געמיט און עמפינדליכער אויפנעם-וועלט, האט געקענט אַריינפאַלן אין ביטערניש אי-בער דעם מצב פון דער יידישער שפּראַך, ספּעציעל אין פּוילן, קומענדיק אין באַרירונג מיט דעם אויפוואַכנדיקן קולטור-לעבן אויף העברעיש אין ארץ-ישראל, איז פאַרשטענדלעך. קיין שום מענטש מיט אָפענע אויגן און מיט דעם נישט-געפעלשטן ווילן זיך צו



BIBLIOTEKA NARODOWA

האַלטן אין די ד׳ אמות פון אמת, קאָן נישט אָפלייקענען, אַז דער חורבן פון יידיש אין אַלע געביטן פון זיין פאַרהאַנען־זיין איז מוראדיק גרויס.

קיין שום פאַרלאַג פון יידישע ביכער עקזיסטירט נישט מער אין פוילן. די יידישע פרעסע פאַלט פון טאָג צו טאָג. די צייטונגען אין דער פוילישער שפראַך שלינגען זי איין אָן אָנשטרענגונג מיט די שאַרפע ציין פון לעבן.

עס איז געגנוג איין קורצער זאַך־באַווייז, כדי צו זעען דעם אומגעהויערן פאַרנעם פון דער עקסטערמינאַציע פון יידיש אויפן געביט פון גוטענבערגס דערפינדונג, און אַלס פועל־יוצא — דער קאַטאַסטראָפאַלער צוריקגאַנג פון יידיש אַלס קולטורעלער פאַקטאָר און שפראַכלעכער באַדינונגס־מיטל פון די יידן אין פוילן:

אין לאדזש זענען דערשינען פאַר דער מלחמה, — ביי דער ספעציפישער שטאָטיש־רעגיאָנאַלער טענדענץ פון דעם לאדזשער אינדוסטריעלן מיטלשטאַנד צו גערמאַניזאַציע — דריי טעגלעכע יידישע צייטונגען מיט אַ טיראַזש פון אַ דרייסיק טויזנט עקזעמפלאַרן. אויף פויליש האט געפירט אַ וועגעטירנדיק־נעבעכדיקע עקזיסטענץ איין בלאַט מיט קוים אַ זעקס הונדערט לעזער. היינט גייט די גאַנצע לאדזשער יידישע פרעסע אין מאַקסימום אַ 15 הונדערט עקזעמפל. און עס גייען אַרויס עטלעכע פוילישע בלעטער מיט אַ טיראַזש פון פיל צענדליק טויזנטער. די לעזער זענען אין ניינציק פראצענט יידן, ווייל די לאדזשער יידן שטעלן בכלל מיט זיך פאָר דעם גראַמאָטנעם עלעמענט פון דער באַפעלקערונג.

לאדזש איז נישט קיין אוניקאַט אין דעם קולטורעלן לעבן פון די יידן אין פוילן.

אין אַזאַ גרויסער פראווינץ, ווי גאַליציען, מיט אַ יידישן קיבוץ פון איבער ד״יי הונדערט טויזנט נפשות, איז כמעט נישטאָ קיין סימן פון א יידיש־קולטורעלן דופק. עס גייען אַרויס דארט פאַרדאָס דריי גרויסע יידישע צייטונגען אויף פויליש, וואָס מאַכן גלענצנדיקע געשעפטן. די אַמאָל אומפאַנגרייכע טעגלעכע לעמבערגער יידישע צייטונג „טאָגבלאַט״ איז פאַרוואַנדלט געווארן אין אַ רחמנותדערוועקנדיקן צענגראשנדיקן בלעטל, וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ קאפטשענדיק־חלבן ליכטל ביי אַ גוסס צוקאפנס.

קיין שום פאלעמישע רייד וועגן יידיש אַלס איינציקע שפראַך פון די יידישע פאלקסמאַסן קאן נישט אָפלייקענען דעם פאַקט, אַז אויף אַלע עפנטלעכע ערטער און אין דער היים רעדט די יוגנט, און ספעציעל די יוגנט פון די פאַרטייען מיט יידיש־פאדערונגען צו די מלוכהשע און קאמונאַלע אינסטאַנצן, אין אַ איבערוויגנדיקער מערהייט צווישן זיך אויף פויליש. אין דער גרעסטער לאדזשער יידישער ביבליאטעק אויפן נאָמען פון באראכאוו, אַן אינסטיטוציע פון די לינקע „פועלי ציון״, אַלזאָ, כשרע יידישיסטן, ווערן 70 פראצענט ביכער געלייענט אין פויליש און קוים קאַרגע דרייסיק פראצענט יידיש.

די טענה, אַז יידיש איז די אומגאַנגשפראַך פונם יידישן פאלק, פאַלט אַוועק. קיין היציקע קאנטראווערסיעס און פלפול העלפט דאָ נישט.

אַלס באַשטרייטונגס־פאַקט צו נעמען די פאלקסציילונג אין פוילן אין יאָר 1931 איז אַן אומזין. אַלע ווייסן אויס־

געצייכנט, אז יידן האבן דאַן אָנגעגעבן יידיש אַלס מוטער־שפּראַך בלויז צוליב דעמאנסטראַטיווע טעמים און אַלס נדבה דער אַגיטאַציע פון די יידישע פּאַרטייען.

אויף די גאַסען פון לאדזש, וואַרשע און אַנדערע שטעט זעט מען שוין היינט יידן מיט געדרייטע פּאות און מיט יופּיצעס, וואָס רעדן מיט זייערע קינדער און ווייבער „פּויליש". (פּויליש אין געבנדזנפּיסלעך).

שלום אַש, קומענדיק קיין ארץ ישראל און זעענדיק דעם אויפשטייגנ־דיקן העבּרעיזם, זעענדיק די דאָרטיקע בּכבודיק - אויסזעענדיקע פּרעסע אויף העבּרעיש, די לעבּהאַפטע טעטיקייט פון די צאַלרייכע, ווייט נישט מעצענאַטישע, נאָר אויף געזונטע, געשעפטלעך־רוענ־דיקע יסודות, פאַרלאַגן, וואס געבּן אַרויס בּיכער, וועלכע האבּן פּאַקטיש לעזער, זעענדיק, ווי דאס לשון פון תּנ"ך ווערט גערעדט דורך טויזנטער קינדער, ווי אַ נאַטירלעך - קרעפטיקע מוטער - שפּראַך, האט, פאַרגלייכנדיק העבּרעיש אין ארץ ישראל מיט יידיש אין פּוילן, געקענט אַריינפאַלן אין אַ לויב־געזאַנג צו העבּרעיש.

אין ארץ ישראל איז העבּרעיש די שפּראַך, די ליטעראַטור, די שולע, אַ לעבּנס־פּראַגע, ווי דאס טאג־טעגלעכע בּרויט. אין ארץ ישראל קויפט מען דאס בּוך פון העבּרעישן דיכטער און מען איז שטאָלץ מיט דעם ניי־דער־שינענעם בּוך, ווי מיט אַ דערשיינונג.

וואס טוען די יידישיסטן אין פּוילן פאַר דעם דיכטער אין יידיש?

קודם כּל באַמיט מען זיך צו מאַכן פון אים אַ קאַריקאַטור, אַ מאַנעקען.

דער זייל פון יידישיזם אין פּוילן, דער „בּונד", האָט „דעלעגירט" אין דער ליטעראַטור אַריין, דעם ה' יעקב פּאַט, וועלכער האָט צוזאַמענגענומען אַ חברה גראַפאמאַנען און אַ יאָר-צוויי אַרויסגעגעבּן אַ ליטעראַרישע וואָכנ־שריפט, וואס האט געהאַט די הייליקע עובדה צו שיטן וואָך בּיי וואָך זאַמד און אַש אויף יעדן יידישן מחבּר, וועל־כער איז נישט געווען גענוג „מאַרק־סיסטיש" און „פּראלעטאַריש".

נישט פאַרשטייענדיק, אַז דער יידי־שער שרייבּער איז לויט זיין סאציאַלער אפשטאַמונג — וואָס דאָס איז, אַגב, בּאַדייטונגסלאז פאַר דער קוואַליטעט פון זיין שאַפן, — פּראלעטאַריש אין זיין מענטאַליטעט, וואָס שלאָגט זיך אינטואיטיוו אָפּ אין דעם כּאַראַקטער פון זיינע ווערק — האט מען כּסדר פאַרמיאוסט יעדע וואָגיקע דערשיינונג אינם יידישן ליטעראַרישן וועלט.

נאך איידער אַש האט בּאַוויזן צו רעדן עפּעס בּייזס וועגן יידיש, האט ה' פּאַטס ליטעראַרישער ארגאַן אַ „תּל געמאַכט" פון דעם ערשטראַנגיקן ווערק, איינס פון די פּרעכטיקסטע בּעלעטריס־טישע שאַפונגען אין די לעצטע יאָרן, „דער תּהלים-ייד", בּלויז דערפאַר, ווייל דער העלד פון דעם דאזיקן ראמאַן איז אַ פייערדיקער אָנהענגער פון תּהלים און נישט פון קאַרל מאַרקסן. מען האט פאַרשריגן אַלס נישטיקייט דעם גלענ־צענדן עפּאָס פון אַ בּית המדרש און רבּנישער תּקופה, אַ ווערק מיט מייס־טערהאַפט־אויסגעהעמערטע געשטאַלטן, הויכער שילדערונגס-קראַפט און וויר־טואָזע אָפּשפּיגלונג פון אַ פאַרשוווּנדענדן יידישן לעבּנס-שטייגער — „יאשע קאַלבּ" פון י. י. זינגער דערפאַר, ווייל די העלדן פון אט דעם ראמאַן רעדן נישט

קיין וואָרט וועגן „קלאַסנקאַמף“ און „פּראָלעטאַריאַט“. (דער ראָמאַן און ניט די דראַמע).

דער רעזולטאַט פון אַזאַ און ענלעכער אונטערגראָבונגס־אַרבעט איז, אַז דער בונדיש־געשטימטער עולם, וואָס ציילט זיך אין לאַנד אין די צענטליקער טויזנטער, וויל די וויכטיקסטע יידישע שרייבער ניט נעמען אין האַנט, ווייל זיי זענען לויט ה׳ פּאַט „קאָנטררעוואָלוציאָנער“ און ניט גענוג פּראָלעטאַריש, און די אייגענע „פּאָעטן“ וויל ער ניט קענען, ווייל זיי זענען פּשוטע טאַלאַנטלאָזיקייטן.

די „פּאָלקסצייטונג“ איז די איינציקע צייטונג אין וואַרשע, וואָס צאָלט דעם טרעגער פאַר אַרויפברענגען פּאַפּיר, דעם שיק־יינגל פאַר אויפהויבן אַן אות, דעם סטרוזש פאַר אויסקערן דאָס צימער, נאָר פאַר דעם יידישן דיכטער ווייסט זי קיין גראָשן ניט צו באַצאָלן.

איך וויל ניט לויבן די יידישע פּרעסע אין איר באַציונג צום יידישן שרייבער, וואָס בנוגע דעם לאָזט זיך נאָך אַ סך ווינטשן, אָבער למען האמת מוז איך פעסטשטעלן, אַז דוקא דער „רעאַקציאָנערער“ און העבּרעאיסטיש־ציוניסטישע צייטונג „היינט“ האָט די אָרענטלעכסטע באַציונג צום יידישן דיכטער, וועלכער באַשטייט אין 99 פּראָצענט פון געשווירענע יידישיסטן. די וויכטיקסטע יידישע שריפטשטעלער און דיכטער אין פּוילן, וועלכע פאַרעפנטלעכן זייערע זאַכן אין דער דאָזיקער צייטונג, קענען מיינע ווערטער באַשטעטיקן.

פיל פון די שרייבער אויף יידיש, וועמען די טרויעריקע לאַגע פונם יידישן קולטורעלן לעבן צווינגט פאַר דעם אייגענעם געלט אַרויסצוגעבן זיין בוך און דערנאָך דאָס דעפּאָנירטע קאַפּיטאַל אַרויסצונעמען אויף איינפאַכע זאַכן פון עושׂר געבוירך דורך פאַרקויפן אומיטלבאַר דעם לעזער דאָס פאַרעפנטלעכטע בוך לויט דעם אָפּגעלעבטן, פאַרצייטישן אופן פון אַרומפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך מיטן פּעקל ספרים, ווייסן שוין פונדאויס, אַז די געשווירענע יידישיסטן אין פּוילן, די בונדיסטן, געהערן ניט צו די קויפער.

אויב א. מאַנגער, וועלכער איז לעצטנס געוואָרן דער פּאָלעמישער ליטעראַטור־און טעאַטער־קאָבאַלד פון דער בונדיסטישער „פאָלקסצייטונג“, וועט איצט וועלן זיין ערלעך, וועט ער מוזן באַשטעטיקן מיינע ווערטער, מחמת ער איז, ליידער, מיטן לשון פון דער בולוואַר־צייטונג, דער קעניג פון די וואַנדערנדיקע דיכטער, וואָס פאַרקויפן זייערע ווערק אין שטעט און שטעטלעך.

אַזוי־נאָך האָט זיך געשאַפן די פּאַראַדאָקסאַלע לאַגע, אַז די פּילאַרן פון דער יידישיסטישער באַוועגונג אין פּוילן האָבן אַרונטערגעריסן און דערשלאָגן אין די אויגן פון די ברייטע יידישע מאַסן דעם עיקר און דעם קווינט־עסענץ פון דער קולטור־באַוועגונג אין יידיש, די יידישע ליטעראַטור, צוליב עפּעס אַ באָבעמעשה וועגן אַ פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז עפּיס אַ בחור פון „בונד“, אָדער פון אַן אַנדערער יידישיסטישער פּאַרטיי, אַגיטירט פון די ליטעראַטור־ספּעצן פון דער „פאָלקסצייטונג“, האָט בעת אַ פאַרלעזונג אַ געשריי געטון מיט דער מוט פון אַ באַריקאַדן־קעמפער אין פּנים פון דעם באַקאַנטן דיכטער און אויסגע-



פעליציע פאַצאַנאָווסקי    פאַלאַנגאָס (מאָנאָטיפיע)

שפּראָכענעם, פאַנאַטישן יידישיסט און אַנטי־העבּרעיסט, ז. סענאַלאָוויטש:

— אַראָפּ, קאָנטררעוואָלוציאָנער! איר וועט ביי אונז נישט לייענען! גייט צו די „ווייסע"...

אין דער זעלבער צייט ווערן די ליטעראַרישע פאָרלעזונגען פון ה' יעקב פּאַט, אַ מענטש מיט זייער צווייפלהאַפטע קענטנישן אין פראַגן פון ליטעראַטור, באַזוכט פון טויזנטקעפּיקע המונים אין אַלע שטעט, ווו ער קומט.

מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי־קמיע באַרויבט ער דעם בראַוואָסימאָ, וועלכן עס קומט דעם טאַלאַנטירטן יידישן ליטעראַט.

אויב די נשמה פונם יידישן שרייבער אין פּוילן איז שוין אַ ביסל איינגעביסן פון דעם וואָרעם פון ביטול צו יידיש, ווי צו אַ געזונטער ליטעראַטור־שפּראַך, ליגט דערין נישט בלויז אַ פינגער פון די, אויף וועלכע איך האָב אָקאָרשט אָנגעוויזן, נאָר אפשר די גאַנצע האַנט.

די אנטיילנעמער פון ליטעראַרישן טאָג בעתן יוו"אָ־צוזאַמענפאָר געדענקן אויסגעצייכנט, ווי ד"ר מ. וויינרייך, די סמעטענע פון יידישיסטישן ווילנע, א מחבר פון עפּעס א מכירת־יוסף־שפּיל, וואָס געהערט ביי אַנדערע פעלקער צום נאַציאָנאַלן גראַפאָמאַניע־אוצר און ביי אונז ווערט עס באַצייכנט דורך די מלמדים פון ווילנע כמעט ווי אַ וויסנשאַפטלעכע רעוועלאַציע, האָט מיט אַ טאָן פון אַ נאַ־שפּיץ אין יידישן קולטור־רעלן לעבן איבערמוטיק און גרינגשעצנדיק עפּנטלעך דערקלערט, אַז דער ייוו"א נעמט אַוועק דעם שייכות צו דעם „ליטעראַטור־טאָג", הגם אין אים האָבן זיך באַטייליקט די וויכטיקסטע מיטגלידער פון יידישן פּען־קלוב אין פּוילן, דאָס הייסט, די יידישע ליטעראַטור פון פּוילן האָט זיך פאַרזאַמלט אין ירושלים־„ד ל ו ת א".

איך בין נישט קיין העבּרעאיסט, אַזוי ווי מען פאַרשטייט דאָס אין אונזער ציטונגסמעסיקער אומגאַנגס - שפּראַך, ווייל עס איז אַן אומזין צו טראַכטן און נאָך מער צו פאַרלאַנגען, אַז דאָס אָרט פון יידיש זאָל צווישן די יידן אין פּוילן פאַרנעמען די העבּרעאישע שפּראַך. אָבער עס איז נישט קיין שום זינד קעגן יידיש, ווען מען ווינשט זיך, אַז אויב אַ שפּראַך פון אַן אַנדער נאַציע זאָל ירשנען יידיש, איז שוין קוראַנטער, אַז עס זאָל ירשנ'ען העבּרעאיש, וואָס איז פאָרט אַ שפּראַך פון יידישן פאָלק און עס איז געקומען אין איר צום אויסדרוק די ליכטיקע עמאַנאַציע פון דעם שטראַלנדיקן גייסט פון די גרויסע פּאָעטן, וועלכע לייכטן דורך דורות און יאָרטויזנטער, וועלכע ווערן נאָך היינט באַוווּנדערט פון פעלקער און ראַסן, — די נ ב י א י ם, און פיל אַנדערע געניאַלע דיכטער און דענקער, ווי יהודה הלוי און ביאַליק — ריזן פון געזאַנג און געדאַנק.

אויב שלום אַש האָט זיך אויסגעדריקט שענדלעך און באַליידיקנדיק וועגן יידיש, ווי עס זאָגט דוד פּינסקי, איז ער ווערט דעם פּסק. אויב אבער ער האָט מיט ענטוזיאַזם גערעדט וועגן העבּרעאיש, ווי וועגן אַ לעבעדיקער, שאַפנדיקער און דערוואַכטער שפּראַך — איז ער קיין שום פאַרברעכן נישט באַגאַנגען קעגן יידיש. די מאָס פון די מיראָווסקער האַליעס אין וואַרשע אָדער פון באַלוטער פּלאַץ אין לאָדזש, אַז העבּרעאיש און יידיש זענען צוויי פיינט-

לעכע קראָמען, איז נישטיק און קרעמעריש.

עס איז די גרעסטע טיפשות פיינט צו האָבן אַ שפּראַך. אויב איר וועט צווישן איירע אַפעער אַ זאָג טון: „איך האָב פיינט האָלענדיש", וועט מען, ווען מען וועט אַראָפּנידערן פונם ניוואָ און אייך ענטפערן אין אייער סטיל: מיין הער, איר זענט אַ שוטה.

אין אונזער וועלט זענען פאַראַן קולטור־פאַקטאָרן מיט דער אויסגעשפּאָכענער מאַרקע פון העברעאיש־האַסער. מען דאַרף אויף זיי נישט אָנווייזן. מ'קען זיי. עס איז גענוג צו זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן לשון קודש, כּדי דערקלערט צו ווערן אַלס פאַשיסט. איך ווייס, אַז דער זעלבער גורל וועט מיך, אפשר, אויך נישט מיידן. איך וועל באַשטימט אָפּגעשיקט ווערן אין שוואַרצן לעגיאָן פון מוסאָליני. אין ז.פ.ס.ר. האָט מאַקסים גאָרקי דאָך מיט גאָרנישט ריזיקירט, דערקלערנדיק אויף אַן עפנטלעכן קאָנגרעס פון שרייבער, אַז ח. נ. ביאַליק איז אַ געניאַלער דיכטער. מאַקסים גאָרקי האָט נאָך אַזעלכע ווערטער דאָך געהאַט אַ לזות פון אַ האַלבן מיליאָן מענטשן. יעקב פאַט וואָלט פאַר אַזעלכע רייד באַשטימט געפלויגן פון דער „פאָלקסצייטונג" !

איך בין טיף איבערציינגט, אַז איך וועל גאָרנישט זיין אין סתירה מיט מיין אומדערשיטערלעכן גלויבן אינם זיג פון סאָציאַליזם, וועלכער איז די איינציקע רעטונג פון דער פאַרבלוטיקטער מענטשהייט, און מיט מיין איבערצייגונג, אַז יידיש איז אונזער שפּראַך, אין וועלכער עס גליען, ווי שאַרלאַך־רויטע טרויער־בלומען, די פּמוט אַלע אין עלענטשן טאָן געהאַלטענע שאַפונגען פון דורות יידישע פּאָעטן, וועלכע עס האָט געבערענגט אין היכל פון אונזער קונסט דער גּעניוס פון די יידישע פאָלקסמאַסן, די אייביוויגער פון דעם פאַראַכטעטן אָרעמען געסל, — אויב איך וועל זאָגן, אַז העברעאיש איז אויך אונזערס אַ שפּראַך און ווייזט אַרויס אין ארץ ישראל אַלע אַטריבוטן פון אַ לעבעדיק און נאַטירלעך ליטעראַטור־לשון.

אויך וועלן מיינע איצטיקע ווערטער נישט אָוועקנעמען מיין נישט־וואַקלענדיק אָרט אין די רייען פון די, וועלכע פּראָטעסטירן ווי אַמשאַרפסטן קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף יידיש אין ארץ ישראל.

אין דעם רויך פון טומאַן, וועלכן עס פּרוּוון אַרויסלאָזן אַרום אַשס רייד דעמאַגאָגן פון די אַזוי גערופענע יידישיסטן און העברעאיסטן, איז יצחק מאַנגער אַרויס מיט צוויי טענות צום אָנגעגריפענעם דיכטער: הלמאַי ער שרייבט מיט גראַמאַטישע פעלערן און פאַרוואָס ער גיט נישט אָן אויף די איבערגעזעצטע ביכער, אַז זיי זענען פון יידיש.

טענית, וועלכע זענען פערפיד און קליינלעך דערמיט, וואָס ווען מאַנגער אַליין זאָל אַ זוך טון אין זיין ווערזיפיקאַציעס, וועט ער געפינען פיל זאַצן מיט פּרעטענזיעס צו דער לערע פון זאַץ־בוי. און מאַנגער אַליין ווייסט אויסגעצייכנט וועגן דעם, פונקט ווי ער ווייסט, אַז דער גרעסטער טייל פון די שרייבער אין פערזן ווייכן אָפּט אָפּ פון גראַמאַטישע כּללים צוליב טעמים פון ריטם און גראַם. אין דער דייטשער דיכטער־גרופּע „שטורם" און „אויקציאָן" האָט מען דערקלערט פאַר „אומגילטיק" די אָפּשטעל־צייכנס און באַוווּסטזיניק

עובר געווען אויף דער דייטשער גראַמאַ-טיק. דאָס האָבן געטון מענטשן מיט הויכער ליטעראַרישער בילדונג. אַ חוץ דעם ווייסט מאַנגער אויסגעצייכנט, אַז דער יידיש פון שלום אַשס „שטעטל“ און „שלמה נגיד“ איז דער באַהאַרצטער און זיידנ-סטער יידיש, איבערגעצויגן מיט אַ פערלדיקן הויך פון עכטער, אומגעפעלש-טער ליריק. ווייטער וועגן דעם בין איך מטריח דעם לעזער צו גרעסערע בר-סמכאס אין ליטעראַטור - ענינים, ווי מאַנגער.

וועגן גראַמאַטישע פעלערן זאָגט אַזאַ קאַפּאַציטעט אין דער וועלט-קריטיק, ווי היפּאָליט טען, אין זיין צוויי בענדיקן ווערק וועגן באַלזאַק:

„האָנאָרע דע באַלזאַק מאַכט אַכט גראַמאַטישע פעלערן. די בילדער און די בליצנדיקע איינפאַלן פון זיין זשעני, קומענדיק צום אויסדרוק אין זיין לאַנג-אָטעמדיקן זאַץ, צושטערן טיילמאָל די גע-זעצמעסיקע פאָרמען פון דער פראַנצויזי-שער שפראַך, פון וועלכע ער איז פאָרט אַ מייסטער, ווייל די ליטעראַטור איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די קונסט פון דער שפּראַך“.

וועגן זעלבן, אָטאָ זאַור, דער פאַר-שטאָרבענער רעדאַקטאָר פון באַרימטן ס. פישער פאַרלאַג, דורך וועמענס הענט עס זענען דורך די ווערק פון טאָמאַס מאַן, היפּטמאַן, און בכלל אַלע וויכטיקע שריפטשטעלער פון דייטשלאַנד, אין זיינע „מעמואַרן“:

„יאַקאָב וואַסערמאַן, אַן ערודיט אין פולן זין פון וואָרט, וואָרט בעתן שאַפונגס פּראָצעס אַזוי איבערגענומען מיט זיין בילדעריש-געשטאַלטנדיקער וועלט, אַז די וווּנדערשיינע, רייכע בלומען-שפּראַך פון זיין סטיל ליידט נישט זעלטן פון גראַמאַ-טישער זינד. ער האָט מאַנוסקריפּטן, אויף וועלכע אַפילו די פונקטואַציע איז אַ שלעכטע. דאָס איז זעלבסט-פאַרשטענדליך אַ רעזולטאַט פון זיין קינסטלערישער צו-שטייאונג, איידער פון מאַנגלהאַפטער קענטניש אין סינטאַקסיס.

דער קריטיקער געאָרג מעלקוויט אין זיין בוך „דער נייער אַמעריקאַנער ראָמאַן“:

„טעאָדאָר דרייזער געהערט צו די נישט-סטיליסטן. מיט אַ באַגרענעצטן שפּראַך-קוואַל. מיט אַן אָרעמישן אַמעריקאַנער ענגליש, וואָס איז אַפילו נישט פריי פון מאַנכעסמאָל גרייזן, וועלכע אַנשטייען פון דער באַקאַנטער פּעסימישער שטימונגס-פולער נאַכלעסיקייט, האָט ער זיך גע-שטעלט אין דער שפּיץ פון דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ביי אים האָט זיך פאַרווירקלעכט דאָס געזעץ פון דער קונסט פון וואָרט: מיט מינימום וואָרט מאַקסימום אינהאַלט“.

די „גריַיזן“ פון שלום אַש זענען פון זעלבן כאַראַקטער, וואָס ביי באַלזאַק, דרייזער און וואַסערמאַן. זיי דאַרפן נישט קיין אַפּאָלאָגעטישע באַהאַנדלונ-גען. פאַרן לעזער זענען זיי קלאָר דורך די ציטאַטן פון היפּאָליט טען, זאַור און מעלקוויט.

וועגן דער אַנדערער טענה, אַז אַש גיט נישט אָן אויף זיינע איבערזעצונגען, אַז זיי זענען פון יידיש, איז באַקאַנט, אַז למשל די פוילישע פאַרלאַגן, וואָס גיבן אַמאָל אַרויס איבערזעצונגען פון יידיש, ווילן בשום אופן נישט אָנגעבן, אַז זיי זענען פון יידיש. זיי ווילן באַדאַי מוותר זיין אויף דער אויסגאַבע. אַזוי איז אויף דער פוילישער איבערזעצונג פון „יאָשע קאַלב“, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַר-לאַג „רוי“, אויך נישט באַמערקט, נישט

געקוקט אויף דער אויסדריקלעכער פאָדערונג פון י. י. זינגער און פון איבערזעצער ה׳ מעזריצער, אַז די איבערזעצונג איז פון יידיש.

איך גלויב, אַז דאָס זעלבע איז מיט די ווערק פון שלום אַש. איך ווייס נישט, צי מ׳ען קאן ביי די שוידערלעכע מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די יידישע שרייבער און צוליב דער פּאָפּולאַריטעט פון דער יידישער ליטעראַטור ביי אַנדערע פעלקער, פאַרלאַנגען, אַז אַ יידישער אויטאָר זאל אוממעגליך מאַכן די איבערזעצונג פון זיינע ווערק צוליבן אָפּזאָגן די פאָדערונג אָנצוגעבן די אורשפּראַכלעכע קוועלע פון דעם ווערק מיט דער האַנט אויפן האַרצן קאָן איך דערקלערן, אַז מאַנגער, וואָס פאַלט איבער דעם טעם אַזוי אָן אויף אַשן, וואָלט עס זיכער נישט געטון.

ווען מען וויל איבערזעצן זיין ווערק אויף ענגליש, מיט אַ קעניגליכן האנאָראַד, אָן אָנגעבן, אַז עס שטאַמט פון יידיש, וואלט ער זיכער קיין סעקונדע נישט געצווייפלט און אויסגערופן מיט שמחה: מסכים, מיטן גרעסטן כבוד.

מיינע דאזיקע פאָר אָפּגעדרוקטע ווערטער וועלן באַשטימט אַרויסרופן בייז בלוט ביי דער פאַרוואַלטונג פונם יידישן פען-קלוב.

איך מיין, אַז עס איז די העכסטע צייט צו זאָגן זיך דעם אמת, מעג ער אַפילו זיין ברוטאַל, ווי אַ שווערער סיבירער פראסט, בפרט איצט, ווען די יידישע ליטעראַטור איז פאַרוואַנדלט געווארן אין אַ פאָר אויטאָרן, וואָס טראָגן זייערע פעקלעך ביכער צו פאַרקויפן אויפן מאַרק פון די לעזער, וועלכע זענען גאָרנישט בנמצא.

דער יידישער שרייבער איז זיכער נישט שולדיק אין דעם. מיין מיטגעפיל צו אים, ווען ער שלעפט זיך איבער שטעט און שטעטלעך מיט דעם רענצל ספרים אויף דער פלייצע. אויף די שולדיקע אין אַ גרויסער מאָס האָב איך אָנגעוויזן. דאָס פאַרברעכן זענען זיי באַגאַנגען. די שטראָף ליידט אָבער אונדזער בידנע מאַמעלשון יידיש.

באַמערקונג: פאַר דעם דאָזיקן אַרטיקל איז פאַראַנטוואָרטלעך דער אויטאָר אַליין.

## אלטער האפמאן

# פראסט

אַ ווינטער-טאָג. פראסט, איינגעגעסענער, לעסטיקער פראָסט, זיצט בלינד, זקניש אין די פענצטער, רירט זיך נישט. ביימער און כאַטעס, איינגעבאַבלטע אין ווייסן, רוען. דאָרף, גריבערדיק, פאַרשנייט, ליגט אין פאַרטייעטקייט, דרימלט. ווינט סווישטשעט, לעקט דעם חלל, פרירט. ס׳לויפן אָן שנייעלעך, ווי שטיפערלעך, קיצלען. פראָסט לאָזט זיך נישט איבערוועקן, דרימלט. אין איינעם אַ פאַרפראָסטיקט פענצטערל ציטערן אויף פלעמלעך, לעקן מיט בלאַסע צונגלעך די שייבלעך.

דער אַלטער אַרקע איז געשטאָרבן. אַ זדעכלאַק געווען, טאָג און נאַכט געזעסן ביים אויוון, געדעכעט, זיך געוואַרעמט.

זעלדע, זיין ווייב, אַ הויכע, מיט